**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס נעמט אן פארשלאגן פאר די איבערבויאונג פון די היסטארישע LEXINGTON AVENUE ARMORY**

***סטעיט און פעדעראלע שותפות מיט 40 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און 90 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג***

***געווינענדע פארשלאגן זענען ערווארטעט צו אנאנסירט ווערן אין מיטן פון אוגוסט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) נעמט אן פארשלאגן פאר די 100 מיליאן דאלארדיגע קאנסטרוקציע פאזע פון א פראיעקט וואס וועט אינגאנצן איבערמאכן די היסטארישע Lexington Avenue Armory אין ניו יארק סיטי. די פלאנירטע ענדערונגען וועלן ארומדרייען די געביידע פון די פריע 20'סטע יאר הונדערט צו ווערן איינס וואס איז גרייט צו באדינען א מיליטער קראפט פון די 21'סטע יאר הונדערט מיט ערשט-קלאסיגע פלעצער פאר טרענירונג און ארבעט.

"די Lexington Avenue Armory הויבט אן ווייזן סימנים פון עלטער, און מיר קענען נישט ווארטן צו אריינפירן די גאר-נויטיגע פאררעכטונגען אונטערוועגנס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די רענאוואציע וועט גיין א לאנגע וועג ביים פרעזערווירן די אייגנארטיגע ארכיטעקטורישע און היסטארישע אייגנשאפטן פון די געביידע וועלכע האבן עס ארויפגעלייגט אויף די שטאט, סטעיט און פעדעראלע ליסטעס פון היסטארישע ערטער."

די וואפן ארסענאל אין מידטאון מאנהעטן איז געווען די היים פון די ניו יארקע נעשענעל גאַרד ארמיי'ס 69'סטע פיס סאלדאטן רעגימענט זינט עס איז פארענדיגט געווארן אין 1906. די סאלדאטן פון "די קעמפנדע 69'סטע" האבן ארויסמארשירט צו די ערשטע און צווייטע וועלט קריגן און אין 2004, צו דעם איראק קריג, פון די וואפן ארסענאל. די וואפן ארסענאל האט אויך געדינט אלס א לאקאציע פאר נעשענעל גאַרד סאלדאטן צו ארויסהעלפן די מענטשן פון ניו יארק אין די טעג נאך די 9/11 אטאקעס און נאכפאלגנדיג סופער-שטורעם "סענדי" אין 2012.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאַק שומער האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן 90 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פאר די היסטארישע 69'סטע רעגימענט וואפן ארסענאל עס צו מאדערניזירן און פארבעסערן די גרייטקייט דערפון. נישט נאר איז די וואפן ארסענאל א נאציאנאלע און ניו יארק סיטי היסטארישע ארט, נאר עס איז א היים צו די קעמפנדע 69'סטע, אן איינהייט וואס פלעגט אמאל באשטיין מערסטנס פון אירישע אימיגראנטן מיט אן אייגנארטיגע און לעגענדארע היסטאריע. די איבערבויאונג פון די וואפן ארסענאל דארף שוין פון לאנג געשעהן, און עס וועט אויפרעכטן די היסטארישע ארט צו נאכקומען די היינטיגע באדערפענישן פון די ארמיי. א דאנק 90 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג וואס איך האב פארזיכערט אין די צוטיילונגען ביל און גאווערנער האקול'ס שטיצע

פון 30 מיליאן דאלאר אין סטעיט דאלארן, וועלן ניו יארקע נעשענעל גאַרד ארמיי סאלדאטן וועלכע באדינען זעלבסטלאזערהייט אונזער לאנד באקומען די בעסטע איינריכטונגען וואס מיר קענען צושטעלן, און עפענענדיג דעם פראיעקט פאר פארשלאגן ברענגט אונז איין טריט נאענטער צו די גאר-נויטיגע מאדערניזירונגען וואס דארפן שוין פון לאנג געטוהן ווערן."

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נעדלער האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט מיט פירער שומער און סענאטארשע דזשיליבראנד צו פארזיכערן 90 מיליאן דאלאר אין דירעקטע פינאנצירונג פון די פיסקאלע יאר 2024 רעגירונג פינאנצירונג ביל פאר די היסטארישע 69'סטע רעגימענט וואפן ארסענאל אין מאנהעטן. איך בין באגייסטערט ביז גאר אז ניו יארק'ס אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס הויבט יעצט אן דעם פארשלאג איטוואהל פראצעדור צו רענאווירן און מאדערניזירן די 120-יאר-אלטע היסטארישע ארט אויף Lexington Avenue, פארזיכערנדיג אז עס בלייבט א קריטישע צענטער פאר ניו יארק'ס ציווילע שטיצע אפרופונג מעגליכקייטן אין מאנהעטן פאר יארן אין די צוקונפט."

**עדזשוטענט גענעראל פון ניו יארק, מעידזשאר גענעראל רעי שיעלדס, האט געזאגט,** "די איבערבויאונג פון די היסטארישע Lexington Avenue Armory אין מאנהעטן איז א געלעגנהייט וואס קומט אמאל אין א יאר הונדערט פאר די ניו יארקע נעשענעל גאַרד ארמיי. א דאנק די שטיצע פון די פאראייניגטע שטאטן ארמיי, גאווערנער האקול, סענאטאר שומער, סענאטארשע דזשיליבראנד, קאנגרעסמאן נעדלער און אונזערע קאנגרעס דעלעגאציע, וועלן אונזערע סאלדאטן פון די קעמפנדע 69'סטע פיס סאלדאטן איינהייט האבן אן ארסענאל וואס זיי קענען זיין שטאלץ צו פаררופן א היים. די איבערבויאונג וועט זיכער מאכן אז אונזערע סאלדאטן זענען גרייט און טרענירט פאר זייער ראלע אלס די קאמף רעזערוו פון די ארמיי און אז זיי שטייען גרייט פאר די גאווערנער מיט ציווילע שטיצע אפעראציעס. מיר באדאנקען אלע וואס זענען געווען פארמישט ביים מאכן די פינאנצירונג פאר דעם פראיעקט פאר א מציאות."

די ארסענאל'ס איבערגעארבעטע דעזיין וועט אריינבויען קאמפיוטער נעטווארק אינפראסטרוקטור און אזוי אויך ספעציעל דעזיינטע בית הכסא'ס און לאקער צימערן פאר פרויען סאלדאטן. די ענדערונגען וועלן ארומדרייען א געביידע פון די פריע 20'סטע יאר הונדערט צו ווערן איינס וואס איז גרייט צו באדינען א מיליטער קראפט פון די 21'סטע יאר הונדערט מיט ערשט-קלאסיגע פלעצער פאר טרענירונג און ארבעט.

דער פראיעקט ווערט פינאנצירט מיט 90 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פארשאפט דורך די ניו יארקע קאנגרעס דעלעגאציע אנגעפירט דורך סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער, און 40 מיליאן דאלאר אין סטעיט דאלארן באשטעטיגט דורך גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור. קאסטן פון דעם פראיעקט וועלן צוטיילט ווערן, מיט די פעדעראלע רעגירונג דעקנדיג אומגעפער 75 פראצענט פון די קאסטן און די סטעיט דעקנדיג די רעשט.

געווינענדע פארשלאגן זענען ערווארטעט צו אנאנסירט ווערן אין מיטן פון אוגוסט.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן